א.נ. שטענצל

15. ״רומל״

ווען מען איז נאָך, ווי אין דער מלחמה נאָך ברויט,
נאָך ״מעניקעס יום-טובֿ-בלעטער״ אין ריי געשטאַנען,
האָט מען נאָך געקויפֿט אַ _שאַגת אַריה_, אַ _של״ה_,
און ספֿרי רומל -- ווי מצה-וואַסער געגאַנגען.

הײַנט, די אין קעגניבערדיקן שוי-פֿענצטער,
די מאַניקין, האַלב נאַקעט, אין באָד-קאָסטיום און הײַבל,
מען ברויך איר נאָר די באָבע דאָבטשעס ברילן אָנטון,
וועט זי גאַנצע נעכט לייענען די ״האָלי בײַבל.״

מען קומט נאָך אַ בר-מצווה טליתל קויפֿן,
אַ ברייטן ישראל-טלית פֿאַרן טויטן טאַטן,
און דאָס אויך נאָר אַזוי לאַנג, ווי מען קויפֿט נאָך,
אַ חנוכה-קריסמעס פּרעזענט -- ייִדישע פּלאַטן!

ווי אַ מאָל ״שיר-המעלותער״ פֿאַר אַ יולדת,
איז דאָס שוי-פֿענצטער מיט קדיש-יתומס באַהאַנגען,
מיט קידוש-לבֿנה לעטערס אין לאַטײַניש - -
אָבער אויך נישט מער איצט – אַ מאָל איז עס געגאַנגען!

פּ.ס. –
אפֿשר אין ״מאָדערן היברו ספּעלינג״ דערלאַנגען,
וועט ווידער נאָך ״דער סחורה״ זײַן גרעסער פֿאַרלאַנגען!

פֿון ״ווײַטשעפּל״ אין _יובל-אַלמאַנאַך לשון און לעבן 1956_

לאָנדאָן 1956, ז. 213-214.